**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באדייטנדע שריט צו פארבעסערן ניו יארקער'ס געזונטהייט אלס טייל פון בודזשעט אפמאך פאר פיסקאלע יאר 2025**

***היסטארישע 37 ביליאן דאלארדיגע מעדיקעיד אינוועסטירונג צו שטיצן די העלט קעיר 'סעיפטי נעט' און טראנספארמירן די סיסטעם וויאזוי העלט קעיר ווערט צוגעשטעלט***

***ניו יארק ווערט ערשטע סטעיט אין דאס לאנד צו אוועקשטעלן באצאלטע אורלויב פאר טראגעדיגע מאמעס בעפארן האבן א קינד***

***עלימינירט מעדיצינישע קאסטן ארויס פון די אייגענע קעשענע פאר טראגעדיגקייט-פארבינדענע בענעפיטן פאר ניו יארקער אויף עסענטשעל פלאן און אנדערע קוואַליפייד העלט אינשורענס פלענער***

***באשיצט קליענטן דורכן עלימינירן קאָו-פאר אינסולין פאר סיי וועלכער ניו יארקער אויף סטעיט-רעגולירטע העלט אינשורענס פלענער***

***באקעמפן מעדיצינישע חובות דורכן פארבאטן שפיטעלער פון אנקלאגן פאציענטן וואס פארדינען ווייניגער פון 400 פראצענט פון פעדעראלע ארימקייט שטאפל***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט באדייטנדע אינוועסטירונגען צו שטיצן ניו יארק'ס העלט קעיר סיסטעם אלס א טייל פון די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, אריינרעכענענדיג רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין מעדיקעיד און נייע פאליסיס וואס באשיצן טראגעדיגע מאמעס, מענטשן מיט צוקער קראנקהייט (דייעביטיס) און מענטשן מיט נידעריגע איינקונפט וואס ווענדן זיך פאר מעדיצינישע קעיר.

"עס טאר נישט געשעהן אז איינער זאל דארפן מורא האבן זיך צו ווענדן פאר קעיר צוליב די קאסטן וואס דאס וועט ברענגען אדער די צייט וואס זיי וועלן פארפעלן פון די ארבעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אנגעהויבן פון שטיצן טראגעדיגע מאמעס ביזן רעדוצירן אינסולין קאסטן — טוהען מיר אונטערנעמען שריט צו זיכער מאכן אז ניו יארקער קענען צוקומען צו די קעיר וואס זיי דארפן."

**<u>באדייטנדע אינוועסטירונגען אין מעדיקעיד פאר ניו יארקער</u>**
גאווערנער האקול'ס בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 שטעלט צו רעקארד-הויכע פינאנצירונג צו האלטן ניו יארקער געזונט, בשעת'ן אויך אוועקשטעלן דעם מעדיקעיד פראגראם אויף שטאנדהאפטיגע לאנג-טערמיניגע פינאנציעלע פיס. א היסטארישע 37 ביליאן דאלארדיגע מעדיקעיד אינוועסטירונג זעצט פאר די סטעיט'ס פארפליכטונג צו שטיצן די העלט קעיר 'סעיפטי נעט' (געזונטהייט סערוויסעס פאר

מענטשן אן געַנוג אינשורענס) און טראנספארמירן די סיסטעם וויאזוי העלט קעיר ווערט צוגעשטעלט, בשעת'ן גלייכצייטיג מאכן אמביציעזע אינוועסטירונגען צו אויסברייטערן צוטריט צו סערוויסעס און שטיצן די ארבעטסקראפט. די בודזשעט רעכנט אויך אריין שטיצע פאר די סטעיט'ס לעצטנס באשטעטיגטע 'מעדיקעיד 1115 וועיווער' אמענדמענט, אינוועסטירנדיג 7.5 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע און סטעיט פינאנצירונג צו שטופן פאר געזונטהייט גערעכטיגקייט אריבער די סטעיט.

**פארבעסערן מוטערליכע געזונטהייט**

דורכן פאדערן צו אויפשטעלן א באזונדערע 'באנק' פון קראנקהייט אורלויב ('סיק ליוו') טעג ספעציעל צו באקומען קעיר בעפארן האבן א קינד, וועט ניו יארק גיין ווייטער פון סיי וועלכע אנדערע סטעיט צו זיכער מאכן אז טראגעדיגע מענטשן קענען באקומען די נויטיגע העלט קעיר צו האבן פאזיטיווע געזונטהייט תוצאות פאר די עלטערן און קינד אן איינשטעלן די דזשאב. ארבייטער קענען יעצט באקומען נאך 20 שעה פון באצאלטע קראנקהייט אורלויב צו באקומען קעיר בעפארן האבן א קינד, אין צוגאב צו די עקזיסטירנדע קראנקהייט אורלויב.

שטודיעס ווייזן אז העלט קעיר בעפארן האבן א קינד האט א שטארקע קשר מיט פארבעסערטע געזונטהייט תוצאות פאר מוטערס און נייגעבוירענע בעיביס; און אז טראגעדיגע מוטערס וועלכע האבן צוטריט צו רעגלמעסיגע מעדיצינישע באזוכן בעפאר די געבורט האבן קלענערע אויסזיכטן צו שטארבן דורכאויס קינדער געבורט, און זייערע נייגעבוירענע האבן העכערע אויסזיכטן צו זיין געזונט.

דאס צושטעלן אורלויב פארן האבן א קינד בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פריערדיגע שריט צו שטיצן נייע עלטערן און פארבעסערן געזונטהייט תוצאות צווישן מוטערס, אריינרעכענענדיג דאס אפפערן 12 וואכן פון פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב בענעפיטן פאר מער פון 80 פראצענט פון די סטעיט ארבעטסקראפט און פארלענגערן דעקונג נאכן געבורט פאר ביז א גאנצע יאר נאך די ענדע פונעם זיין טראגעדיג פאר מענטשן וואס זענען איינגעשריבן אין מעדיקעיד און אין Child Health Plus.

אין צוגאב, רעכנט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 אויך אריין פינאנציעלע אנרייץ מאסנאמען פאר שפיטעלער צו רעדוצירן די צאל אומנויטיגע סי-סעקשענס, און עס עלימינירט קאָו-פעיס פאר געוויסע טראגעדיגקייט-פארבינדענע אויסגאבן – ווי דאקטאר באזוכן בעפארן און נאכן געבורט – פאר די וואס זענען איינגעשריבן אין עסענטשעל פלאן (Essential Plan) און אנדערע 'קוואַליפייד העלט אינשורענס פלענער'.

**עלימינירן קאָו-פעיס פאר אינסולין**

גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן א ביל צו עלימינירן קאָו-פעיס פאר אינסולין פאר סיי וועלכער ניו יארקער וואס איז אויף א סטעיט-רעגולירטע העלט אינשורענס פלאן. די אינציאטיוו וועט איינפירן די מערסטע ווייט-גרייכנדע פארבאט קעגן דאס איינמאנען מענטשן צו צאלן פון זייער אייגענע קעשענע פאר אינסולין אין דאס לאנד, גיבנדיג פינאנציעלע פארלייכטערונג פאר ניו יארקער און פארשטערקערנדיג זייער מעגליכקייט צו ערליך איינעמען די לעבנס-ראטעווענדע מעדיצינען. מיט 1.58 מיליאן ניו יארקער דיאגנאזירט מיט צוקער קראנקהייט, איז די פארשלאג געשאצט צו איינשפארן פאר ניו יארקער א געשאצטע 14 מיליאן דאלאר אין 2025 אליין.

לויט די אמעריקאנע צוקער קראנקהייט אסאָוסיעישען (American Diabetes Association) האבן מענטשן מיט צוקער קראנקהייט מעדיצינישע אויסגאבן וואס זענען 2.3 מאל העכער פון מענטשן אן צוקער קראנקהייט, און די השפעה דערפון איז נאך אפילו גרעסער פאר שווארצע מינאריטעטן וועלכע האבן העכערע דיאגנאזע ראטעס פון אנדערע גרופעס.

**באקעמפן מעדיצינישע חובות**

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אריין דייטליכע נייע געזעצן צו באשיצן ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט פון מעדיצינישע חובות קלאגעס דורכן פארבאטן שפיטעלער פון אנקלאגן פאציענטן וואס פארדינען ווייניגער פון 400 פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל, אדער $120,000 פאר א פאמיליע פון פיר נפשות. די געזעצן ברייטערן אויך אויס שפיטאל פינאנציעלע הילף פראגראמען פאר ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט; באגרעניצן די סומע פון חודש'ליכע באצאלונגען און אינטערעסט וואס קענען איינגעמאנט ווערן פאר מעדיצינישע חובות; פירן איין אנדערע שוץ מאסנאמען צו פארבעסערן צוטריט צו פינאנציעלע הילף; און פארגרינגערן די שעדליכע ווירקונגען פון מעדיצינישע חובות אויף ניו יארקער.

מער פון 700,000 ניו יארקער האבן מעדיצינישע חובות ביי קאלעקשען פירמעס. מענטשן מיט מעדיצינישע חובות זענען ווייניגער וואַרשיינליך זיך צו ווענדן פאר נויטיגע מעדיצינישע קעיר, און זיי באריכטן אז זיי ווערן געצווינגען צו שניידן אויף קריטישע געברויכן וואס זענען משפיע אויף די געזונטהייט, אריינרעכנענדיג עסנווארג, הייצונג און רענט. אלס רעזולטאט דערפון, טוהען הויכע חובות שטאפלען דראעהן נישט נאר אויף די פינאנציעלע סטאביליטעט פון פילע מענטשן און פאמיליעס, נאר זיי גראבן אויך אונטער די סטעיט'ס פארפליכטונג צו פארבעסערן געזונטהייט גערעכטיגקייט און געזונטהייט תוצאות.

**<u>אינוועסטירן אין SUNY דאַונסטעיט</u>**

די בודזשעט רעכנט אריין 300 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג און ביז אזויפיל ווי 100 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר אנגייענדע אפעראציעס פאר SUNY דאַונסטעיט. עס שטעלט אויך אוועק אן אדווייזארי באורד צו באטראכטן און איבערגעבן אפציעס וואס קענען פארברייטערט ווערן פאר א מאדערניזירטע און פינאנציעל-שטארקע SUNY דאַונסטעיט; די אדווייזארי באורד וועט זיך קענען רעכענען דורכאויס זייערע פלאנירונג באמיאונגען פאר 250% (צוויי און א האלב מאל) פון די סטעיט'ס צוזאג אין אינפראסטרוקטורישע געלטער און די פארזיכערטע פעדעראלע דאלארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן